# 11

# אַ שֵׁיינֶעם חָלוֹם

CHULEM

SOLOISTS: **AVRUMI HIRSCH, SHIMMY WEBERMAN**

אַ שֵׁיינֶעם חָלוּם הָאבּ אִיךְ גֶעזֶעהְן
אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ בִּין אִיךְ גֶעוֶוען
כּוֹהֲנִים זֶענֶען מַקְרִיב קָרְבָּנוֹת
לְוִיִּם זִינְגֶען שִׁיר הַמַעֲלוֹת
מֹשֶׁה רַבֵּינוּ לֶערְנְט מִיט דִי אָבוֹת
דִי סַנְהֶדְרִין זִיצְט אוּן הֶערְט אַ דִין תּוֹרָה
אַהֲרוֹן הַכֹּהֵן צִינְדט אָן דִי מְנוֹרָה.

אוּן אָט זֶעה אִיךְ אַ הֶערְלִיכְן גֶעזִיכְט
עֶס שַׁיינְט זַיין פָּנִים מִיט אַ גֶ-ט׳לִיכְן לִיכְט
אוֹיףְ זַיין קָאפּ אַ גָאלְדֶענֶעם קְרוֹין
אִיךְ דֶערְקֶען אִים שׁוֹין
דָאס אִיז דֶער מֶלֶךְ הַמָשִׁיחַ עֶר אַלֵיין
דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם שְׁטֵייט מִיט מוֹרָא
עֶר אִיז מְגַלֶה סוֹדוֹת הַתּוֹרָה
אוּן פוּן שְׁלָאף הָאבּ אִיךְ
זִיךְ אוֹיפְגֶעכַאפְּט...

נִישְׁט גִי׳דַאֲגֶה׳ט אִידְן
עֶס וֶועט שׁוֹין בַּאלְד קֵיין
חָלוֹם מֶער נִישְׁט זַיין
אַ מִינוּטְ׳קֶעלֶע גֶעבְּלִיבְּן
מָשִׁיחַ׳ן מְקַבֵּל פָּנִים זַיין
שִׁיכּוֹר מִיט פְרֵייד גֶעזוּנְטֶערְהֵייט

גֵייעֶן מִיר אַלֶע אַהֵיים
צוּרִיק אִין חֵדֶר גֵיין
מִיט מֹשֶׁה׳ן אַלֵיין
אָמֵן וְאָמֵן.

אַ שֵׁיינֶעם חָלוּם הָאבּ אִיךְ גֶעזֶעהן
אִין יְרוּשָׁלַיִם בִּין אִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען
זִי זָאגְט מִיט פְרֵייד בְּרוּכִים הַבָּאִים
דֶערְלֶעבְּט צוּ זֶעהְן דַיין לִיכְטִיגֶען פָּנִים
אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַזוֹיפִיל צַעַר גִידוּל בָּנִים
כָאטְשׁ דוּ הָאסְט גֶעוַואנְדֶערְט
טוֹיזֶענְטֶער יָאהְרְן
הַיינְט בִּיסְט דוּ מַיין טֵייעֶר קִינְד
נָאךְ שֶׁענֶער גֶעוָוארְן
אוּן אָט זֶעה אִיךְ מַלְאָכִים גֵיין
זֵיי פִירְן מִיט אַ נִיגוּן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיין
גֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט
אַ חוּפָּה אוֹיף גֶעשְׁטֶעלְט
זַיין לִיבֶּע כַּלָה, אִידְן אַלֶע, מְקַדֵשׁ זַיין
צַדִיקִים טַאנְצְן מִיטְ׳ן חָתָן
עֶס אִיז שׁוֹין גְרֵייט סְעוּדַת לִוְיָתָן
אוּן פוּן שְׁלָאף הָאבּ אִיךְ זִיךְ אוֹיפְגֶעכַאפְּט...

אֵיי.....

(מלים: אברהם פריד)